# פאַרשטייער פון אידישער אַגענטור זאָגן, „אַלע פאַלאַשן זיינען שוין אָנגעקומען אין ישראל״

**פון מענדל אַדלער**

אין אַ באַריכט, וואָס די אידישע אַגענטור האָט געשיקט צו דער ביוראָ פון פּרעמיער אהוד אָלמערט אין ירושלים, ווערט באַטאָנט, אַז אַלע פאַלאַשן פון עטיאָפּיע, באַקאַנט אַלס „פאַלאַשמאָראַ״, האָבן שוין עולה געווען קיין ישראל.

די אידישע אַגענטור, באַקאַנט אַלס „סוכנות״, שרייבט אינעם באַריכט, אַז די אַלע עטיאָפּישע פאַלאַשן, וואָס זיינען אין 1999 אָפּגעזוכט געוואָרן אין דעם „צענזוס״ אַלס אַ פּאָטענציאַל פאַר עלייה קיין ישראל, האָבן שוין עולה געווען קיין ישראל, אָדער זייער רעכט פאַר עלייה איז דערווייל אָפּגעשטופּט געוואָרן צוליב די קאָנטראָלן פונעם אינערן־מיניסטעריום פון ישראל.

דער פּרעמיער פון ישראל, אהוד אָלמערט, האָט באַפוילן פונדאָסניי צו פאָרשן דעם גאַנצן עניין פון דער פאַלאַשן־עלייה קיין ישראל, טראָץ דעם וואָס עס האָט זיך געזאָלט פאַרענדיקן מיט צוויי חדשים צוריק, און גלייכצייטיק דערמיט האָט די אידישע אַגענטור געדאַרפט פאַרענדיקן אירע אַקטיוויטעטן אין עטיאָפּיע.

טייל אָרגאַניזאַציעס וועלכע באַשעפטיקן זיך מיט אַרויפברענגען די פאַלאַשן פון עטיאָפּיע קיין ישראל, טענה׳ן אָבער, אַז אין דער שטאָט גונדאַר, וואָס געפינט זיך אין צפון־עטיאָפּיע, וואַרטן נאָך 8,700 מענטשן, וואָס זייער רעכט פאַר עלייה איז נאָך נישט באַשטעטיקט געוואָרן. אונטערן דרוק פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס און דער ספרדישער ש״ס־פּאַרטיי, האָט אָלמערט באַפוילן צו פאָרשן נאָך אַמאָל דעם גאַנצן עניין, צי די פאַרבליבענע מענטשן אין עטיאָפּיע זיינען טאַקע אידן, וואָס אַלס אַזעלכע זיינען זיי באַרעכטיקט געבראַכט צו ווערן קיין ישראל.

אין 1991 האָט די רעגירונג פון אַדיס אַבאַבאַ אָפּגעשטעלט די עלייה פון די פאַלאַשאַס קיין ישראל. די פאַלאַשאַס שטאַמען פון אידן, וואָס האָבן זיך געשמד׳ט ביים ענדע פון ניינצנטן יאָרהונדערט און אינמיטן פון צוואָנציקסטן יאָרהונדערט. מיט אַכט יאָר שפּעטער, אין 1999, איז אויסגעאיבט געוואָרן אַ דרוק אויף דער ישראל־רעגירונג, אַז עס זאָל דורכגעפירט ווערן אַ צענזוס־ציילונג אין עטיאָפּיע. יענער צענזוס האָט אויפגעזוכט נאָך 30 טויזנט מענטשן וואָס האָבן זיך אָנגעגעבן אַלס פאַלאַשן.

די אָרגאַניזאַציעס וואָס שטיצן די פאַלאַשן טענה׳ן, אַז די באַאַמטע פון ישראל׳ס אינערן־מיניסטעריום, וואָס האָבן געפאָרשט די באַריכטן פון די עולים און פון די מענטשן פון דער אידישער אַגענטור, וואָס האָבן זיי אַרויפגעברענגט קיין ישראל, האָבן זיך נישט וויסנדיק געמאַכט פון עלף טויזנט פאַלאַשן וואָס געפינען זיך נאָך דאָרטן, און וועלכע זיינען געוועזן פאַרשפּרייט אין דערפער איבער דער לענג און ברייט פון עטיאָפּיע, און זיינען אָנגעשלאָסן געוואָרן אינעם צענזוס. זיי גיבן־צו, אַז די טויזנטער פאַלאַשן וואָס זיינען פאַרזאַמלט אין גונדאַר, זיינען באַרעכטיקט לויט די קריטעריאָנען, וואָס דער ספרדישער הויפּט־רב פון ישראל, הרב שלמה עמאַר, האָט באַשטימט אין 2002, אָבער דאָס אינערן־מיניסטעריום זאָגט זיך אָפּ צו קאָנטראָלירן צי זיי זיינען טאַקע באַרעכטיקט עולה צו זיין קיין ישראל.

אַ הויכער „סוכנות״־באַאַמטער זאָגט אָבער, אַז די דאָזיקע טענות זיינען אַ „פולשטענדיקער בלאָף״. „עס דאַכט זיך אַז עס איז שוין פאַראַן אַ פּרואוו פון לאַנגע יאָרן, הויפּטזעכלעך דורכן העכסטן געריכט אין ישראל, צו ׳פּראָדוצירן׳ נייע באַפעלקערונגען וואָס זאָלן שטימען לויט די ׳גאולה־אָנשויאונגען׳ פון אַ סך רבנים. ביים העכסטן געריכט האָט דאָס נישט געהאַט קיין דערפאָלג, און היינט פּראָבירט מען דעם זעלבן צוגאַנג ביים האַנדלען מיטן פּרעמיער פון ישראל״, האָט דער באַאַמטער געזאָגט.

אָפיציעל זאָגט די אידישע אַגענטור, אַז זי פירט־אויס די באַשלוסן פון דער ישראל־רעגירונג, און האָט נישט קיין אייגענע שטעלונג לגבי דער פראַגע פון די פאַלאַשן. פאַקטיש זיינען אָבער די פירער פון דער „סוכנות״ קעגן אַרויפברענגען נאָך פאַלאַשן קיין ישראל, צוליב דער טענה, אַז לויטן „חוק השבות״, וואָס ווערט פּראַקטיצירט אין ישראל, זיינען די פאַרבליבענע פאַלאַשן נישט באַרעכטיקט פאַר עלייה, און לגבי די פאַרפליכטונגען פון דער אידישער מדינה אַרויפצוברענגען קיין ישראל די וואָס זיינען געציילט געוואָרן אינעם צענזוס אין 1999, האָט די ישראל־רעגירונג שוין דערפילט אירע פאַרפליכטונגען.

ש״ס און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס וואָס שטיצן די עלייה פון די פאַלאַשן, זיינען אָבער אויסגעשפּראָכן קעגן די אויספירן פון דאָזיקן באַריכט. הרב מנחם וואַלדמאַן, איינער פון די וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער 1999־ ציילונג אין עטיאָפּיע, און וועלכער שטייט אין שפּיץ פון איינער פון די קערפּערשאַפטן, וואָס פירן אַדורך דעם גיור־פּראָצעדור פאַר די פאַלאַשן נאָכן עולה זיין קיין ישראל, זאָגט, אַז „זינט 2005 האָט דאָס אינערן־מיניסטעריום זיך אָפּגעזאָגט צו באַשעפטיקן זיך מיט נייע אַפּליקאַציעס, אָפּגעזען דערפון צי זייערע נעמען זיינען יאָ אָדער נישט דערשינען אויף די ליסטעס פונעם צענזוס. עס איז געווען אַ פולשטענדיקע פאַרהוילונג פון דער ליסטע פון פאַלאַשן, וואָס וואוינען אין די דערפער, אַ זאַך וואָס אויך די ׳סוכנות׳־לייט האָבן זיינער־צייט באַשטעטיקט״, זאָגט הרב וואַלדמאַן.

אויך איז באַקאַנט געוואָרן, אַז דאָס געלט וואָס איז באַשטימט געוואָרן אָנצופירן מיט די שפּייז־צענטערס אין גונדאַר, האָט זיך אויסגעלאָזט. די פאַראייניקטע אידישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע, באַקאַנט אַלס „יו־דזשעי־סי״ („יונייטעד דזשואיש קאָנגרעגעישאָנס״), וואָס האָט פינאַנצירט די שפּייז־צענטערס אין גונדאַר, האָט אָפּגעשטעלט די סובסידיעס מיט אַ מאָנאַט צוריק, אין איינקלאַנג מיט דער אָפיציעלער פּאָליטיק פון דער ישראל־רעגירונג.

איינער פון די פירער פון „יו־דזשעי־סי״, דזשאָסעף פייט, האָט דערקלערט, אַז „נאָך אַכצן יאָר זיינען מיר געצוואונגען געוואָרן אָפּצושטעלן די שפּייז־טיילונג פאַר די איינוואוינער, און דאָס וועט זיי פאַרורזאַכן גרויסע ליידן. איך האָף אַז מיר וועלן קענען געפינען אַנדערע וועגן פאַר די סובסידיעס, אָבער דאָס ווענדט זיך אין דעם צוגאַנג פון דער ישראל־רעגירונג, צי זי וועט איינשטימען צו קאָנטראָלירן פונדאָסניי זייער רעכט פאַר עלייה״.

אינעם צענזוס וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין 1999, זיינען פאַרצייכנט געוואָרן 28,951 עטיאָפּישע בירגער אַלס פאַלאַשן. פון דער דאָזיקער צאָל, האָבן מער ווי 23 טויזנט עולה געווען קיין ישראל, און אין קומענדן מאָנאַט וועלן עולה זיין נאָך 291. די איבריקע וואַרטן נאָך צו הערן אויב זייער אַפּליקאַציע פאַר עלייה וועט באַשטעטיקט ווערן דורכן אינערן־מיניסטעריום פון ישראל.

# אידישע קהילה פון אָדעסע פאַרלאַנגט אָפּצושטעלן קאָנסטרוקציע ביי מאַסן־קבר

• פון **שמואל ברגער**

די אידישע קהילה אין אָדעסע פּרובירט אָפּשטעלן די בוי־אַרבעט שוין צום צווייטן מאָל לעצטנס, אין דער געגנט וואו עס איז אָנגענומען אַז די נאַציס און זייערע מיטהעלפער האָבן דורכגעפירט דאָרט אַ מאַסן־שחיטה פון אידן און אַנדערע מינאָריטעטן ביי דער צווייטער וועלט־מלחמה.

צוויי וואָכן צוריק איז לויט באַריכטן געפונען געוואָרן בהשגחה פּרטית אַ קבר, ווען אַרבעטער האָבן געגראָבן דאָרט אין דער ערד צו אינסטאַלירן פּאָמפּעס. אויך זענען אויסגעגראָבן געוואָרן דאָרט איבערבלייבענישן פון מענטשלעכע קערפּערס. דער מאַסן־קבר געפינט זיך צווישן דער ליוסדאָרפסקאַיאַ און טאָלבוכינאַ גאַס אין דער באַרימטער אוקראַאינישער שטאָט אָדעסע.

לעצטנס האָט די פּאָליציי פון אָדעסע אונטערזוכט די בוי־פּלענער דאָרט און אָפּגעוואָרפן די מעגלעכקייט אַז ס׳איז פאַראַן דאָרט אַ מאַסן־קבר, אָבער היסטאָריקער האָבן באַשטעטיקט אַז די נאַציס האָבן דאָרט דורכגעפירט אַ מאַסן־שחיטה ביים אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אין האַרבסט פון 1941, האָבן די נאַציס דאָרט געקוילעט און פאַרברענט לעבעדיקערהייט העכער 25,000 מענטשן, צווישן זיי ציגיינער, פּליטים פון מאָלדאַווע און מלחמה־געפאַנגענע פון דער רויטער אַרמיי, אָבער די מערסטע קרבנות געוונען געווען אידן. דער גרעסטער טייל פון דער אָדעסער אידישער באַפעלקערונג איז אומגעבראַכט געוואָרן אין דער מאַסן־שחיטה, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דעם 23סטן און 24סטן אָקטאָבער, 1941.

צוליב די ריעל־עסטייט פּרייזן וואָס זענען לעצטנס הויך געשטיגן אין אוקראַאינע, איז פאַראַן דאָרט אַ פּרעצעדנטלאָזע נאָכפראַגע אָפּצוקויפן שטחים אין די גרויסע שטעט. דער פּלאַץ וואו עס גייט אָן די בוי־אַרבעט אין אָדעסע געפינט זיך נישט ווייט פון צוויי דענקמאָלן, וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין אָנדענק פון אידישע און סאָוויעטישע מלחמה־געפאַנגענע, וואָס זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן דורך די נאַציס.

לויט ווי אידישע עסקנים גיבן איבער, האָבן אַרבעטער צוויי וואָכן צוריק מאָנטיק אַרויסגעגראָבן דאָרט איבערבלייבענישן פון מענטשלעכע קערפּערס. די גראָבונגען האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט, און די איבערבלייבענישן זענען אַרויסגעשליידערט געוואָרן דאָרט דערנעבן. אַ לאָקאַלע טעלעוויזיע־פּראָגראַם האָט געוויזן די איבערבלייבענישן פון די שואה־קרבנות אין אַ טראַנסמיסיע יענעם אָוונט. אין פאַרלויף פון דער נאַכט זענען די איבערבלייבענישן שנעל אַוועקגענומען געוואָרן פון דעם פּלאַץ.

דעם אַנדערן טאָג, דינסטיק, האָט הרב אברהם וואָלף, דער הויפּט־רב פון אָדעסע און דרום־אוקראַאינע, באַזוכט דעם פּלאַץ און געפונען דאָרט נאָך פיל איבערבלייבענישן פון מענטשלעכע קערפּערס. דער וויצע־מאַיאָר פון אָדעסע, וואַכטאַנגי אובירייאַ, האָט פאַרשפּראָכן צו טאָן אַלץ וואָס מעגלעך אָפּצושטעלן דאָרט יעדע סאָרט בוי־אַרבעט.

אין אַ בריוו צום אוקראַאינישן פּרעמיער־מיניסטער, יוליאַ טימאָשענקאָ, צוויי וואָכן צוריק דינסטיק, האָט דער אידישער קהילה־ראַט פון אָדעסע געפאָדערט אָפּצוהיטן מיט כבוד דעם זכר פון די צענדליקער טויזנטער אידישע קדושים און אַפּירזוכן און אומקערן אַלע אויסגעגראָבענע איבערבלייבענישן צום פּלאַץ פונעם קבר. די פירער פון דער אידישער קהילה האָבן דערקלערט אין דעם בריוו אַז די גרייטקייט פון דער אָדעסער מוניציפּאַליטעט צו לאָזן דאָרט בויען איז „קעגן דער אויפפירונג פון ציוויליזירטע פעלקער״.

---










די ביכער פון שערווין ווייַן

# צום ערשטן יאָרצייט פון שערווין ווייַן

**פאָרזעצונג פון זייט ניין**

זיי זיינען מאמינים ממש, בעת ווען ס׳איז לאו דווקא אַזוי. ער באַשולדיקט זיי אַלעמען בפה אחד אין אַ געוויסן דוחק אין ווערדע.

דאַכט זיך אָבער אַז דעם גרעסטן „מי שברך״ דערלאַנגט ער גראַדע די רעפאָרמער (מיט וועמען ער אַליין האָט איבערגעריסן אָנהייב זעכציקער יאָרן). ער זאָגט, אַז מיטן פּטור ווערן פון אַזויפל טראַדיציעס און אידיש=נאַציאָנאַלע שטריכן, מיטן אָפּוואַרפן משיחן און געטלעכע כוחות, איז זיי, די רעפאָרמער, געבליבן מערניט אַן אַבסטראַקטער מינימאַלער מאָנאָטעאיזם. פאַר שערווין ווייַן איז דאָס: „לעכערלעך! פאַרוואָס זאָלן אידישע מאָנאָטעאיסטן זיין מער געטלעך=געשטימט ווי אַשטייגער מוסלמענישע מאָנאָטעאיסטן?״ מיט אַנדערע ווערטער, ער טענהט, אַז דער סוף איז, אַז ביי רעפאָרמער בלייבט --- גאָרנישט מיט גאָרנישט.

דער מאָטיוו פון מענטשלעכער ווערדע דרינגט אַדורך אַלע כתבים פון שערווין ווייַן. ער איז איינער פון די בויער פונעם „הומאַניסטישן יודאַאיזם״ וואָס וויל אויפהאַלטן וואָס מער טראַדיציעס, געשיכטע, נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן, נאָר בעת מעשה ניט בלאָפנדיק זיך אַליין אָדער יענעם, אַז מען איז אַ גלייביקער בעת מען איז ניט קיין גלייביקער...

ווייַן באַשולדיקט, אַז אַ סך פון די „אַמביוואַלענטן״ האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן ציוניזם ווי אַ מין ממלא מקום אויף אמתער רעליגיע, און וואַרפט עס אָפּ איינס=און=צוויי: „די אַמביוואַלענטן נייטיקן זיך אינעם ציוניזם; דער ציוניזם נייטיקט זיך אָבער ניט אין זיי, דעם אמת געזאָגט״.

אונדזער כוונה דאָ איז נאַטירלעך ניט אָפּצושאַצן אָדער קריטיקירן, נאָר פּשוט איבערגעבן אויפן שפּיץ מעסער אַביסעלע פונעם תמצית פון דעם געדאַנקען=גאַנג פון מערקווערדיקן „אַפּיקורסישן רב״.

אַזוי ווי אַנדערע דענקער וואָס שטאַמען פון איין פאָלק אָדער רעליגיע אָדער פון אַן אַנדערן, האָט זיך אויך שערווין ווייַן, נוסח אַמעריקע זיך געסטאַרעט קומען צו הילף ניט נאָר אָפּגעפרעמדטע אידן, זיי זאָלן אָנערקענען דעם אָדער יענעם חלק אָדער אויסטייטשונג פון זייער ירושה, נאָר וואָס, ער האָט זיך פאַרמאָסטן בכלל ווערן טאַקע אַליין אַ „גורו״ פאַר מענטשן פון אַלע פעלקער וואָס זוכן זיך מער פרייד און באַדייטונגספוליקייט אין זייער לעבן. אַם סאַמע באַקאַנטסטן אויף דעם געביט איז זיין בוך „ווי אַזוי צו בלייבן קלאָר אין אַ משוגענער וועלט״ (1995).

אין בוך זיינען דאָ קאַפּיטלעך וועגן טראַדיציע און מאָדערניזם בכלל, וועגן וואָרהאַפּטיקייט, אילוזיעס, יאוש, פרייד, פּחד, ליבשאַפט, שולד=געפילן, שטאַרקייט און שיינקייט.

מיט פאַקטן קען איך עס ניט אויפווייזן; פונדעסטוועגן איז ביי מיר פאַראַן אַ חשד, אַז מער ווי אַ שמץ פון אַ מוסר=ביכל פון דעם מחבר׳ס אינגלשע יאָרן איז בפירוש פאַראַן אין דעם בוך... צריך עיון.

נאָר דאָ וועט קלעקן ברענגען, איבערגעזעצט אויף אידיש, דעם מחבר׳ס וואָרט=פריער:

„איך בין אַ גלייביקער. אָבער איך בין ניט קיין גלייביקער אינעם קאָנווענציאָנעלן זין. איך גלייב, אַז מיר לעבן אין אַ משוגענער וועלט, און אַז ס׳איז ניטאָ קיין גאַראַנטיע אַז די גוטע וועט מען געבן שכר און אַז די רשעים וועט מען באַשטראָפן.

„איך גלייב אַז דער כח זיך צו באַגיין מיט אַ משוגענער וועלט קומט פון אינעווייניק, פונעם אומאַנדעקטן כח וואָס איז ביי אונדז פאַראַנען, אַריינקוקן די וואָרהאַפּטיקייט אין פּנים אַריין און אָנגיין ווייטער מיטן לעבן.

„איך גלייב, אַז די ליבשאַפט צום לעבן באַדייט די ליבשאַפט צום שכל הישר און די ליבשאַפט צו שיינקייט.

„איך גלייב, אַז בלייבן קלאָר אין אַ משוגענער וועלט איז ניט גרינג, נאָר צום סוף פון דער זאַך איז עס דער יסוד פון אונדזער בלייבן לעבן און אונדזער זעלבסט=ווערדע.

„איך גלייב, אַז די מענטשלעכע ווערדע קומט פונעם מוט צו לעבן מיט דער ווירקלעכקייט, און הנאה האָבן פונעם פאַרמעסט וואָס זי שטעלט אונדז.״

אַגב: כאָטש שערווין ווייַן האָט שטאַרק ליב געהאַט מיט אַ שמייכל זיך צו באַנוצן מיט די ווערטער „אפיקורס״ און „אפיקורסים״ האָט ער ניט איינמאָל באַטאָנט, אַז ער איז גראַדע ניט קיין אפיקורס.

ער האָט געגלייבט, אַז עס איז לאָגיש ניט מעגלעך צו באַווייזן יאָ צי ניין וועגן גאָט, און ער האָט אין די קרייזן פון פילאָסאָפן מחדש געווען אַ וואָרט פאַר זיין שיטה: „איגנאָסטיציזם״ (פון לשון איגנאָראַנץ --- דאָס וואָס מ׳קען ניט וויסן). דאָס איז אין פאַרשיידענע פּרטים אַנדערש איידער אַגנאָסטיציזם.

שערווין ווייַנס „איגנאָסטיציזם״ באַטאָנט אַז פילאָסאָפישע חקירות וועגן געטלעכקייט דאַרפן זיך אָנהייבן מיט פעסטע הגדרות, אַנדערש ווערן די דיסקוסיעס אויסגעליידיקט פון תוכן. און אַן אמתע דעפיניציע, לויט זיין שיטה, דאַרף דערגרייכן אַ געוויסע מדרגה קלאָרקייט.

ניט אַריינלאָזנדיק זיך טיפער, באַקומט זיך אַז ביי ריכטיקע אפיקורסים איז שערווין ווייַן גאָרניט געווען קיין אפיקורס. גיי ווייס...

מיט שערווין ווייַן האָבן מיר נאָך פאַרבראַכט אין ווילנע, און מיט קאַרגע פיר יאָר צוריק האָבן מיר זיך ווייטער געטראָפן טאַקע ביי אים אין מישיגן.

מיר האָבן ווייטער אָנגעהאַלטן אַ קאָרעספּאָנדענץ, נאָר די אַלע תוכיקע קשיות און פּראָטעסטן, וואָס איך האָב אים געהאַט בדעה שטעלן, האָב איך „אָנגעקליבן״ אויף אונדזער קומעדיקער באַגעגעניש.

און אין דער ערשטער פּאָזיציע אויף מיין רשימה קשיות (צי קלאָץ=קשיות), איז געווען די פראַגע: צו וואָס דאַרף ער צו אַל=די צרות דעם טיטל „ראַבאַי״? ביסט אַ מאָדערניסטישער פילאָסאָף, אַ דענקער, אַ לערער פון אידישע ווערטן און אידישער געשיכטע פאַרן עולם סעקולערע אידישע הומאַניסטן, איז צו וואָס „ראַבאַי״ אָדער „רב״ בשעת ווען דער עצם וואָרט בלשון בני אדם שטעלט מיט זיך פאָר אין דער סאַמע ערשטער ריי --- אמונה. ס׳פעלן דאָך ניט קיין ווערטער אויף, לאָמיר אָנכאַפּן, אַ לערער, אַ דענקער, אַ גורו, אַ מדריך, אַ מורה דרך, אַ מנהיג, אַ מחבר, אַ רעדנער, אַ פילאָסאָף און נאָך און נאָך.

ווילסט עפּעס פרעגן ביי אַ חבר, טאָ לייג ניט אָפּ.

די קומעדיקע באַגעגעניש איז ניט געווען באַשערט.

פאַראַיאָרן, זיבן טעג אין אב, שבתע=נאַכט (דעם 21טן יולי 2007), בעת אַ וואַקאַציע אין מאָראָקאָ, איז שערווין ווייַן אומגעקומען אין אַן אויטאָמאָביל קאַטאַסטראָפע אין עלטער פון ניין=און=זיבעציק יאָר.

**די אַלע וועמען ער רופט אָן מיטן נאָמען „אַמביוואַלענטן״. דאָרטן גייען ביי אים אַריין די אַלע מאָדערנע אָרטאָדאָקסן לשבטיהם, די קאָנסערוואַטיוון, די רעקראָנסטרוקציאָניסטן און די רעפאָרמער (טאַקע אין דעם סדר). ביי די אַלע, איז ער חושד אַ ניט=אָרנטלעכקייט. ער האַלט אַז ביי זיי פעלט די אמתע, פולע אומבאַגרענעצטע אמונה נאָר זיי האָבן מורא דאָס מודה זיין, זיי זיינען גרייט שפּילן זיך אַ גאַנץ לעבן אַ טייוואָלים=שפּיל.**

ער איז געבאָרן געוואָרן אין דעטראָיט, מישיגן, אין 1928, זיך דאָרטן אויסגעהאָדעוועט אין אַ משפּחה שומרי שבת, היימישע אידן פון דער אַלטער היים: הערשל ווענגראָווסקי און טייבעלע איזראַעלסקי.

שערווין ווייַן האָט איבערגעלאָזן אַ גרויסע „הומאַניסטישע קהילה״ אין מישיגן אין צוגאָב צו אַ ריי אינטערנאַציאָנאַלע פאַראיינען וואָס ער איז געווען צווישן זייערע מיט=גרינדער: די געזעלשאַפט פאַר הומאַניסטישן יודאַאיזם (געגרינדעט 1969) און די אינטערנאַציאָנאַלע פעדעראַציע פון סעקולערע הומאַניסטישע אידן (1986). אין 2003 האָט ער באַקומען דעם טיטל „הומאַניסט פונעם יאָר״ צוגעטיילט פון דער אַמעריקאַנער הומאַניסטישער אַסאָציאַציע.

וואָס וועט פון דעם אַלעמען פאַרבלייבן אויף להבא, אָן דעם כאַריזמאַטישן גורו פון דער באַוועגונג, איז נאָך ניט קלאָר. קלאָר איז אָבער, אַז ער אַליין, אַלץ פרוכטבאַרער דענקער, לערער, שרייבער; אַז ער אַליין אַלס טייערער, טאָלעראַנטער, וואַרעמער מענטש און אַן אוהב=המענטשהייט ממש, וועט שטאַרק אויספעלן. כבוד זיין אָנדענק.



שערווין ווייַן אין זיינע אינגערע יאָרן